IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**אַ וואָרט פֿון דער רעדאַקציע • "A Word from the Editors"**

By **Melekh Ravitsh** and **Moyshe Rosenberg**, translation by Tamara Gleason Freidberg and Arturo Kerbel

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (May 2021)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/kontinent]

# אַ וואָרט פֿון דער רעדאַקציע

# “A Word from the Editors”

Melekh Ravitsh and Moyshe Rosenberg
translated by Tamara Gleason Freidberg and Arturo Kerbel

**Introduction:** The itinerant Yiddish writer and cultural activist Melekh Ravitsh found himself in Mexico in the early 1940s where he contributed to the Yiddish newspaper *Der Weg*, edited by Moyshe Rosenberg. Meanwhile, as the Nazis intensified their destruction of Europe and the gates to the US closed, rescue organizations worked exhaustively with local Jewish communities across Latin America in a quest to get visas for Jews stranded in Europe. Aware of this scenario, and mourning the imminent destruction of European Jewry, Ravitsh and Rosenberg felt compelled to call writers across the Americas to publish a journal that would inform and help develop a joint cultural program. The resulting anthology, *Der kontinent* (The Continent, 1941), is unique not only because of its articles about Jewish communities far from the dominant centers, but also due to their approach of crossing national borders. Joshua Hochstein’s “Economical and Social Trends in present Latin America”, Abraham Golomb “The Jewish People and its Literature”, and Melekh Ravitsh’s “On the lack of a program and Inter-American continental, reciprocal ignorance” are some titles to be found in the contents.

The essay presented below stands out due to the fact that, beyond presenting a strategy to recruit writers from different countries, it poses issues that are relevant to our era of globalization and ruminates on the possibility of transnational cooperation and solidarity. For further background on this journal, see this accompanying essay.

# "A Word from the Editors"

The idea to publish a Yiddish periodical entitled *Der Kontinent* ("The Continent"), a periodical that aims to cater to Jewish interests on the American continent, came to us from the deep belief that just as the continent now has a mission in the world, the Jews of the Americas have a mission within world Jewry.

For Rosh Hashanah 1940 we published a brochure for the planned periodical and distributed it by mail. The responses were various. Some understood us well. Jacob Leszcynski stated: you have taken the pulse of the historical moment and you will hopefully carry out the mission that such a journal set itself. Sh. Niger wrote in a letter: I really like the idea and I also think that Mexico is the right place for such an enterprise. But we have also been misunderstood. In his article "What Jews Are Capable of Doing" ("Vos yidn kenen"), published in "Tog," the prominent Shmuel Roznfeld claimed that we have the ambition to become a pan-American Yiddish center, even though nobody had called on us to do that task. In reality, we never mentioned any center in the brochure. We spoke of the natural bridge that Mexico represents on a continental scale, because Mexico is located geographically in the North, although it belongs culturally to the Latin part, that is, the Southern part of the continent.

For months we have made serious efforts to publish a monthly periodical. With great patience we corresponded with a great variety of Jews from all 21 republics from Pan-America, including Canada and the colonies, but we were unable to reach all American countries. Nevertheless, we made contact with three quarters of them and received answers. We were in touch with several dozen writers and requested articles according to our plan. We should add, however, that we did not entirely succeed in putting together a periodical entirely in keeping with our plan, which would serve the interests of American Jews in the broadest sense of the word, and above all—inform, inform, inform. Because the mutual ignorance that Jews have of one another on this continent is considerable.

After five months of tireless work, we have become convinced that either the time has not come for a Yiddish journal such as we imagined, or that we are not the right people to create it, or that Mexico is not the right place for it after all. In the meantime, we have decided to publish sporadic anthologies under the title *Der Kontinent*. These anthologies will pursue the same goals as the periodical was meant to pursue and will prepare the ground for such a journal in the future.

The book you hold in your hands, dear reader, is indeed the first volume of such an anthology. Further volumes will be published later under the same title and, hopefully, with more information and with a wider circle of collaborators.

The contents of this anthology are divided into three main parts. General articles

(mainly about American-Jewish topics), discussion articles, and letters. More than half of the countries on the continent are represented in this section. We also include some belles-lettres—poems—which we have selected on purely aesthetic grounds. Our anthologies are literary and artistic only on the tertiary level. Primarily, our task is to inform (which is actually the most difficult task); secondarily, to discuss the urgent Jewish problems in the Americas (which will sooner or later become the problems of world Jewry); only in the third place do we want to offer literature. Naturally, the poem by Jacob Glantz is appropriate for this anthology due to its content. The other poems could have been published in any other periodical. The poems serve to cheer the reader and to lend the overal volume a certain rhythm.

Preaching American-Jewish chauvinism or local patriotism could not be further from the intention behind our anthologies. We emphasize again: just as it is clear for the whole world that it will not be redeemed without the assistance of America [the continent], it is already clear for the whole Jewish world that it will not be redeemed without the help of American Jewry. The better American Jewry comes to understand itself, and therefore its mission, the healthier it will be for world Jewry. We believe in Jewish emigration from Europe, and we believe in the possibility of a mass Jewish migration overseas, particularly to the American continent. This migration will not only save European Jewry, but also American Jewry, and thus world Jewry . . .

We will continue work on theses anthologies, which we consider preparation for the periodical of the same name. We plan to transform "The Continent" into an annual yearbook. We also plan: to publish these yearbooks in Spanish as well.
But those are things which we will decide later, after the first issue appears and we receive outside feedback.

Mexico, May 1941
P.S: Notes from the editors about some of the articles published in this collection can be found at the end of this book.

# אַ וואָרט פֿון דער רעדאַקציע

די אידעע אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צײַטשריפֿט מיטן נאָמען „דער קאָנטינענט“, אַ צײַטשריפֿט, וואָס דאַרף דינען די ייִדישע אינטערעסן פֿון דעם אַמעריקאַנישן וועלט־טייל, איז בײַ אונדז אָנשטאַנען פֿון דעם טיפֿן גלויבן אַרויס, אַז פּונקט ווי אַמעריקע האָט איצט אַ מיסיע אין דער וועלט, אַזוי האָבן די אַמעריקאַנישע ייִדן אַ שליחות אין וועלט־ייִדנטום.

צו דעם ראָש־השנה 1940 האָבן מיר פֿאַרעפֿנטלעכט אַ פּראָספּעקט פֿון דער געפּלאַנטער צײַטשריפֿט. מיר האָבן אים פֿאַרשפּרייט אין בריוו. דער אָפּרוף איז געווען פֿאַרשיידנאַרטיק. טייל האָבן אונדז ריכטיק פֿאַרשטאַנען. יעקב לעשצינסקי האָט אונדז געשריבן: איר האָט אָנגעטאַפּט דעם דופּק פֿון היסטאָרישן מאָמענט און האָפֿנטלעך וועט איר אויספֿילן די מיסיע, וואָס אַזאַ זשורנאַל ליגט אַרויף. ש. ניגער האָט אונדז געזאָגט אין אַ בריוו: מיר געפֿעלט זייער די אידעע און מיר דאַכט זיך אויך, אַז מעקסיקע איז דער ריכטיקער פּלאַץ פֿאַר אַזאַ אַרבעט. מיר זײַנען אָבער אויך אָפּט מיספֿאַרשטאַנען געוואָרן. אַזוי האָט דער חשובֿער שמואל ראָזנפֿעלד, אין אַן אַרטיקל אין „טאָג“, מיטן נאָמען „וואָס ייִדן קענען“, אונדז פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז מיר האָבן זיך אָנגעמאָסטן צו זײַן דער פּאַן־אַמעריקאַנישער ייִדישער צענטער, כאָטש קיינער האָט אונדז נישט גערופֿן דערצו. אין דער אמתן האָבן מיר פֿון קיין שום צענטער קיין מאָל נישט גערעדט אין אונדזער פּאָרספּעקט, נאָר פֿון אַ נאַטירלעכער בריק, וואָס מעקסיקע שטעלט מיט זיך פֿאָר אין קאָנטינענטאַלן פֿאַרנעם, ווײַל געאָגראַפֿיש ליגט עס אין צפֿון און קולטורעל באַלאַנגט עס צום לאַטײַנישן — דאָס הייסט בעיקר צום דרומדיקן — טייל פֿון דעם קאָנטינענט.

מיר האָבן זיך אין פֿאַרלויף פֿון חדשים ערלעך געמיט אַרויסצוברענגען טאַקע אַ חודש־שריפֿט. מיר האָבן מיט מאַקסימאַלער געדולד קאָרעספּאָנדירט מיט אַלערליי ייִדן פֿון אַלע 21 רעפּובליקן פֿון פּאַן־אַמעריקע, מיט קאַנאַדע און אויך די קאָלאָניעס. עס איז אונדז אָבער נישט געלונגען צו קריגן קאָנטאַקט מיט אַלע לענדער פֿון אַמעריקע. מיט דרײַ־פֿערטל האָבן מיר דאָך באַקומען קאָנטאַקט—מען האָט אונדז געענטפֿערט. מיר האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט פֿיל צענדליקער שרײַבער און געבעטן בײַ זיי אַרטיקלען לויד אונדזער פּלאַן. מיר מוזן אָבער צוגעבן, אַז עס איז אונדז בשום אופֿן נישט געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַ דורכויס פּלאַנמעסטיקע צײַטשריפֿט, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פֿון אַמעריקאַנישן ייִדנטום אין ברײַטסטן זינען פֿון דעם וואָרט; און אין דער ערשטער ריי אינפֿאָרמירן, אינפֿאָרמירן, אינפֿאָרמירן, ווײַל דאָס קעגנזײַטיקע ייִדישע אימוויסן אויף דעם קאָנטינענט איז זייער גרויס.

מיר האָבן זיך איבערצײַגט — נאָך פֿינף חדשים אומדערמידלעכער אַרבעט, אַז אָדער עס איז נאָך נישט געקומען די צײַט פֿאַר אַזאַ מין ייִדישן זשורנאַל, ווי מיר האָבן אים זיך פֿאָרגעשטעלט, אָדער מיר זײַנען נישט די ריכטיקע מענטשן אַזאַ צײַטשריפֿט צו שאַפֿן, אָדער מעקסיקע איז פֿאָרט נישט דער ריכטיקער פּלאַץ. האָבן מיר דערווײַל באַשלאָסן אַרויסצולאָזן ספּאָראַדישע זאַמלביכער מיט דער נאָמען „דער קאָנטינענט“ — זאַמלביכער וואָס זאָלן דינען דעמזעלבן צוועק וואָס די צײַטשריפֿט האָט געזאָלט, און טאַקע צוגרייטן אַ באָדן פֿאַר אַזאַ זשורנאַל אין דער צוקונפֿט.

אָט דאָס בוך, וואָס ליגט פֿאַר אײַך — חשובֿע לעזער — איז טאַקע אַזאַ מין זאַמלבוך נומער איינס. עס וועלן שפּעטער קומען ווײַטערדיקע ביכער מיט דעמזעלבן נאָמען און — לאָמיר האָפֿן — מיט מער אינפֿאָרמאַציע און מיט אַ ברייטערן קרײַז מיטאַרבעטער.

דער אינהאַלט פֿון דער דאָזיקער זאַמלונג איז אײַנגעטיילט אין דרײַ הויפּט־חלוקים: אַלגעמיינע אַרטיקלען (דער עיקר אויף אַמעריקאַניש־אידישע טעמעס), אַרטיקלען, וואָס ברענגען פּראָבלעמען צו דיסקוסיע, און קאָרעספּאָנדענצן. (מער ווי העלפֿט פֿון די לענדער פֿון דעם קאָנטינענט זײַנען אין דער אָפּטיילונג פֿאַרטראָטן). מיר האָבן אויך אַ ביסל בעלעטריסטיק — לידער — וואָס מיר האָבן געבראַכט צוליב ריין עסטעטישע טעמים. אונדזערע זאַמלביכער זײַנען ערשט אויפֿן דריטן פּלאַן ליטעראַריש־קינסטלערישע. אין דער ערשטער ריי איז אונדזער אויפֿגאַבע צו אינפֿאָרמירען (און דאָס גראָד איז די שווערסטע אויפֿגאַבע), אין דער צווייטער ריי איז אונדזער אויפֿגאַבע צו דיסקוטירן די ברענענדיקע ייִדישע פּראָבלעמען פֿון די אַמעריקעס — וואָס ווען פֿריִער, אָדער שפּעטער, ממילא ווערן די פּראָב פֿון וועלט־ייִדענטום. ערשט אין דער דריטער ריי ווילן מיר געבען בעלעטריסטישע ליטעראַטור. אַוודאי פּאַסט זיך די פּאָעמע פֿון יעקבֿ גלאַנץ — לויט איר אינהאַלט — אין אונדזערע זאַמלביכער. די אַנדערע לידער וואָלטן געקענט געדרוקט ווערן אין יעדער צײַטשריפֿט. בײַ אונדז וועלן זיי אַ ביסל אויפֿהײַטערן דעם לעזער און ריטמיזירן דעם אינהאַלט.

אונדזערע זאַמלביכער זײַנען ווײַט פֿון צו פּרעדיקן אַמעריקאַניש־ייִדישן שאָוויניזם, אָדער גאָר לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם. מיר באַטאָנען נאָך אַ מאָל: פּונקט ווי עס איז קלאָר פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זי וועט נישט אויסגעלייזט ווערן אָן דער הילף פֿון אַמעריקע, אַזוי איז עס איצט שוין קלאָר פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער וועלט, אַז זי וועט נישט אויסגעלייזט ווערן אָן דער הילף פֿון אַמעריקאַנישן ייִדנטום. וואָס מער דאָס אַמעריקאַנישע ייִדנטום וועט זיך אַליין פֿאַרשטיין, ממילא באַנעמען זײַן שליחות, אַלץ געזינטער וועט עס זײַן פֿאַר דעם וועלט ייִדנטום. מיר גלויבן אין ייִדישער עמיגראַציִע פֿון אייראָפּע און מיר גלויבן אין דער מעגלעכקייט פֿון אַ קאָלאָסאַל־פֿאַרמאָסטענער ייִדישער עמיגראַציִע מעבֿר לים און דער עיקר אויפֿן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. נישט נאָר וועט אָט די עמיגראַציע ראַטעווען דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום, נאָר אויך דאָס אַמעריקאַנישע ייִדנטום און דערמיט דאָס וועלט־ייִדנטום...

מיר וועלן די אַרבעט פֿון די זאַמלביכער „דער קאָנטינענט“, וואָס מיר באַטראַכטן ווי צוגרייט־אַרבעט פֿאַר דער צײַטשריפֿט אונטערן זעלבן נאָמען, פֿאָרזעצן. פֿאַראַן אַ פּלאַן צו פֿאַרוואַנדלען דעם „קאָנטינענט“ אין שטענדיקע יאָר־ביכער. אַ צווייטער פּלאַן איז פֿאַראַן — אַז די דאָזיקע יאָר־ביכער זאָלן דערשײַנען אויך אין שפּאַניש. דאָס זײַנען אָבער אַלץ זאַכן וועלכע מי וועלן באַשליסן שפּעטער, ווען דער ערשטער נומער וועט דערשײַנען און מיר וועלן הערן מיינונגען פֿון דרויסן.

מעקסיקע, מײַ 1941

פּ.ס.—נאָטיסען פֿון דער רעדאַקציע וועגן אַ טייל דערשינענע אַרטיקלען אין דער זאַמלונג געפֿינען זיך בײַם סוף פֿון בוך.